**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פערטע רונדע פון אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג גרענטס אין סך הכל פון מער פון 12 מיליאן דאלאר**

***פופצן פראיעקטן אריבער די סטעיט וועלן אויסנוצן כמעט 23 מיליאן דאלאר אין רעגירונג/פריוואטע פינאנצירונג צו שטיצן מער פון 2,000 טרעינירנדע ארבייטער פאר איבער 100 ביזנעס שותפים***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development, OSWD) האט געשאנקען מער פון 12 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר פופצן פראיעקטן איבערן סטעיט אין די פערטע רונדע פון די 'ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אינוועסטירונג' (Workforce Development Capital) און 'באצאלונג פאר רעזולטאטן' (Pay for Performance) גרענט פראגראמען. די גרענטס וועלן שטיצן די טרעינירונג פון מער פון 2,000 ארבייטער דורך צוזאמענארבעט צווישן קערפערשאפטן וועלכע פירן דורך טרעינירונגען און מער פון 100 ארבעטסגעבער שותפים אין פעלדער ווי קאנסטרוקציע, געביידע אויפהאלטונג, אינדוסטריאלע מעניופעקטשורינג, ריינע ענערגיע און סאפטווער אינדזשענירונג. די אפיס, וואס ארבעט אונטער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, איז פאראנטווארטליך צו שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען און סטאנדארטן – געטריבן דורך די אינדוסטריע – צו פארזיכערן אז ניו יארקער זענען צוגעגרייט צו נאכקומען די באדערפענישן און פריאראטעטן פון ארבעטסגעבער.

"אנטוויקלען די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט איז קריטיש פאר אונזער אנגייענדע עקאנאמישע הצלחה", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע רונדע פון די סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג גרענטס וועלן פארזעצן אונזער מיסיע צו העלפן אלע ניו יארקער זיך פארשאפן די געזוכטע פעהיגקייטן וואס ארבעטסגעבער זוכן בשעת'ן צושטעלן וויכטיגע ארומיגע סערוויסעס כדי די וועלכע פלעגן איבערגעלאזט ווערן פון הונטן זאלן קענען בליהען אין די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט."

די פערטע רונדע פון גרענטס פון די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ברענגט די סך הכל אינוועסטירונגען פון אלע פיר רונדעס צוזאמען צו מער פון 36 מיליאן דאלאר, און די גרענטס וועלן אויך ארייינברענגען נאך מער פון 38 מיליאן דאלאר אין אנדערע אינוועסטירונגען פון רעגירונג און פריוואטע מקורות, און עס קומט אן צו איבער 11,000 טרעינירנדע ארבייטער וועלכע ווערן געשטיצט פאר איבער 400 ביזנעס שותפים.

די גרענטס וועלכע זענען געשאנקען געווארן היינט פאר פופצן פראיעקטן וועלן שטיצן ארבעטסקראפט טרעינירונג פראגראמען פאר פארגעשריטענע פעהיגקייטן וועלכע ווערן געטריבן דורך די ארבעטסגעבער אליין, און זיי וועלן באלוינען די וועלכע קומען אויף מיט א שעפערישע צוגאנג און מיט די בעסטע סטאנדארטן צו רעדוצירן די שטרויכלונגען וועלכע שטערן מענטשן פון נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס זיך צו באטייליגן. דער 35 מיליאן דאלארדיגער ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אינוועסטירונג גרענט פראגראם וועט שטיצן די אינוועסטירונג באדערפענישן פון די קערפערשאפטן וועלכע פירן דורך ארבעטסקראפט

טרענירונגען וועלכע ווילן בארייכערן אדער פארברייטערן זייערע געאפפערטע סערוויסעס. דער 115 מיליאן דאלארדיגער 'באצאלונג פאר רעזולטאטן' (Pay for Performance, P4P) גרענט פראגראם האט צוויי וועגן צו באקומען פינאנצירונג: בויגזאמע אפערירונג גרענטס וועלכע העלפן די קערפערשאפטן צו דעקן פראגראם-פארבינדענע קאסטן ווי אנטוויקלען קלאס מאטעריאלן און ארומיגע סערוויסעס צו צוגרייטן ניו יארקער מיט כלים פאר וועלכע עס איז דא א פארלאנג און זיי צו גיבן סערטיפיקאציעס וועלכע וועלן אנערקענט ווערן דורך די אינדוסטריע; און די צווייטע וועג איז קאפאציטעט-בויאונג גרענטס, א צוגאנג וואס באזירט זיך אויף ציפערן און מעסטונגען צו פארגרעסערן די פארנעם פון ארבעטסקראפט טרענירונג פראגראמען וועלכע האבן זיך אויפגעוויזן צו אקטיווערהייט ארייננשטעלן זייערע סטודענטן אין גוטע דזשאבס נאכן גראדואירן. נוצנדיג תוצאות-באזירטע גרענטס, וועלן ארבעטסקראפט טרענירונג פראווײדערס באקומען די פינאנצירונג צו פארברייטערן די קאפאציטעט פון ערפאלגרייכע פראגראמען וועלכע האבן געהאט א שטארקע הצלחה מיטן ארייננשטעלן די באטייליגטע אין דזשאבס און אזעלכע וועלכע האבן עפעקטיווע ארומיגע סערוויסעס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "מיר גלויבן אז אינוועסטירן אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איז די יסוד פון גוטע עקאנאמישע אנטוויקלונג, און דאס פארלאנגט אז מיר זאלן האבן מענטשן וועלכע זענען גרייט היינט מיט די פעהיגקייטן וואס זענען נויטיג פאר מארגן. די גרענטס וועלן פארזעצן צו ארויפשיינען די ליכט אויף אונזער אנגייענדע הצלחה מיטן אויפבויען פראגראמען פון א הויכע קוואליטעט וואס ווערן געטריבן דורך די ארבעטסגעבער און פראדוצירן טאלאנט פון די העכסטע גראד, צולייגנדיג צו די פילע אייגנשאפטן וואס ציהען צו אינדוסטריעס צו אלע ווינקלען פון ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער ראבערטאָו ריערדאן האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. די גרענטס וועלן העלפן פירמעס וואס גיבן טרענירונג און ביזנעס שותפים צו שטיצן צוגענגליכע דזשאב טרענירונג סערוויסעס וועלכע וועלן פארזיכערן אז ניו יארקער האנדלען זיך איין די סקילס וואס זיי דארפן צו מצליח זיין. די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט פארבינדן ניו יארקער מיט סיי וועלכע לערנונג געלעגנהייטן וואס זיי דארפן צו קענען זיין א טייל פון אונזער שטארקע און פארשידנארטיגע ארבעטסקראפט."

**קערפערשאפטן צו באקומען פינאנצירונג אין פערטע רונדע:**

**סופאָלק קאונטי לעיבאר דעפארטמענט, לייסענסירונג און קליענטן אנגעלעגנהייטן – לאנג איילענד – $3,000,000 ארבעטסקראפט אינוועסטירונג גרענט און $1,000,000 P4P אפעראציע גרענט:** סופאָלק קאונטי וועט נוצן די געלטער צו אוועקשטעלן די Brentwood Center, אן ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער צו שטיצן די באדערפענישן פון דעם ראיאן'ס פאראייניגטע שטאטן נעיווי סובמארין אינדוסטריאלע באזע און איר סופליי טשעין. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט וועט די ערשט-קלאסיגע Brentwood Center צושטעלן מעניופעקטשורינג און דזשאב גרייטקייט טרענירונג און ארומיגע סערוויסעס פאר לאקאלע הויך שולע שילער, ארבעטנדיג בשותפות מיט איסטערן סופאָלק BOCES און מיט די פאראייניגטע שטאטן נעיווי/Blue Forge Alliance. דער פראגראם וועט פארגרעסערן די צאל פון לאקאלע טאלאנטפולע מענטשן פאר די מער פון 35 ראיאנישע מעניופעקטשורערס וועלכע זענען טייל פון די פירמעס וואס שטעלן צו די חלקים פאר די סובמארין אינדוסטריאלע באזע.

**Pursuit Transformation Company – ניו יארק סיטי – $1,500,000 ארבעטסקראפט אינוועסטירונג גרענט און $1,000,000 P4P אפעראציע גרענט:** Pursuit וועט אויפשטעלן א טעכנאלאגישע צענטער און א טרענירונג צענטער אין קווינס וואו זיי וועלן אפהאלטן זייערע אינדזשענירונג טרענירונגען, אפרענטיסשיפס און קאריערע אנטוויקלונג פראגראמען וואס וועלן טרענירן ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט פאר שיין-באצאלטע טעכנאלאגישע דזשאבס מיט מער פון 100 ארבעטסגעבער

שותפים. P4P געלטער װעלן גענוצט װערן צו פארמערן פרי-אפרענטיסשיפ טעכנישע און פירערשאפט טרענירונג און אזוי אויך א רייע פון ארומיגע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קאריערע קאָוטשינג, הדרכה און באקאנטשאפט מיט פינאנציעלע טערמינען און אזוי אויך פארוואלטונג סערוויסעס.

**Northland ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער – מערב ניו יארק – $1,373,000 ארבעטסקראפט אינוועסטירונג גרענט און $1,000,000 P4P אפעראציע גרענט:** די Northland ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער װעט זיך ארויסבויען און אויפשטעלן א 'ריינע טעכנאלאגיע טרענירונג לאבארעטאריע' צו צושטעלן טרענירונג געטריבן דורך די אינדוסטריע, אין שטיצע פון סטעיט-ברייטע ריינע ענערגיע ציהלן, און זיי װעלן איינקויפן נייע טרענירונג עקוויפמענט אין שטיצע פון זייערע עקזיסטירנדע פראגראמען. די טרענירונג װאס װעט צוגעשטעלט װערן װעט אריינרעכענען צו גיבן קאמפעטענץ מיט פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג װאס קען גענוצט װערן דורך מעניופעקטשורערס, און אזוי אויך מיט ריינע ענערגיע סיסטעמען ווי סאלאר, ווינט, 'מייקראָו-גרידס', באטעריע סטארעדזש, עלעקטרישע קאר טשארדזשינג און געביידע אויטאמאציע. אין צוגאב צו אומזיסטע אדער ביליגע טרענירונג װאס גיבן דערנאך א סערטיפיקאט פאר די באטייליגטע, אפפערט Northland ברייטע ארומנעמיגע סערוויסעס צו שטיצן די הצלחה פון סטודענטן, אריינרעכענענדיג צושטעלן פּלעי גרופּס, טראנספארטאציע, גייסטישע און דראג אביוז קאונסעלינג און פינאנציעלע הילף.

**SUNY אלפרעד סטעיט קאלעדזש'ס College of Technology – מערב ניו יארק – $1,250,000 ארבעטסקראפט אינוועסטירונג גרענט און $270,223 P4P אפעראציע גרענט:** די קאלעדזש װעט אויסברייטערן זייער װעלסוויל קאמפוס אלס א טרענירונג פלאץ צו בארייכערן זייערע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען אין די פעלדער פון קאנסטרוקציע, בויען, אגריקולטור, אפעראציע פון שווערע עקוויפּמענט און ריינע-ענערגיע. די פינאנצירונג װעט שטיצן די דעוועלאפּמענט פון זיבן ביליגע קלענערע סערטיפיקאציעס אין די פעלדער, ערגענצנדיג ערפאלגרייכע עקזיסטירנדע אסאָוסיעט דעגרי פראגראמען. די אויסברייטערונג װעט ערלויבן מער סטודענטן זיך צו איינשרייבן אין קלאסן װעלכע זענען אויסגעשטעלט צו נאכקומען די פארלאנג אין די אינדוסטריע פאר אנהויבנדע און מיטלגארטיג-פעהיגע ארבייטער.

**SUNY לאנג איילענד Educational Opportunity Center – לאנג איילענד – $504,002 ארבעטסקראפט אינוועסטירונג גרענט און $52,455 P4P אפעראציע גרענט:** לאנג איילענד EOC װעט איינקויפן א רוקעוודיגע שמעלצונג לאבארעטאריע כדי צו אפפערן א נייע שמעלצונג טרענירונג פראגראם פאר מערערע קאמיוניטיס ארום לאנג איילענד װאס באקומען ווייניגער סערוויסעס ווי אנדערע. די רוקעוודיגע טרענירונג 'מאביל' װאס האט אלעס װאס עס דארף האבן אין זיך אליין איז א ביליגערע אפציע פון א טרענירונג לאקאציע אין אן אויפגעבויטע געביידע, און עס ערלויבט LIEOC צו ברענגן די טרענירונג צו קאמיוניטיס וואו די נויט איז די גרעסטע, רעדוצירנדיג שטרויכלונגען װאס שטייען אין וועג פון צוטריט און צושטעלנדיג אומזיסטע טרענירונג און סערטיפיקאציע.

**SUNY ראקלענד קאמיוניטי קאלעדזש – מיד-האדסאן – $933,412 P4P אפעראציע גרענט:** די קאלעדזש װעט אנטוויקלען און איינפירן א נייע פראגראם זיך צו לערנען די מעכאניק פון אויפהאלטן אינדוסטריאלע מאשינעריי, גיבנדיג טרענירונג סערטיפיקאציעס פאר סטודענטן בשעת'ן נאכקומען די ארבייטער רעקרוטירונג באדערפענישן פון לאקאלע מעניופעקטשורינג שותפים. אין אן איבערבליק בעפאר א סטודענט שרייבט זיך איין װעלן די שטרויכלונגען װאס שטערן דעם סטודענט פון מצליח זיין ארויסגעברענגט װערן, און זיי װעלן פארבינדן װערן מיט סערוויסעס ווי הדרכה, ייעוץ, טראנספארטאציע הילף און נאך, כדי צו פארמינערן די שוועריגקייטן. קלאסן װעלן ארויפבויען איינער אויף די אנדערע צו אויספלאסטערן א וועג זיך צו קענען גרינגער אריבעררוקן צווישן קאריערעס, און זיי װעלן קענען איינגעטוישט װערן פאר קאלעדזש קרעדיט אויב דער סטודענט וויל.

**SUNY סופֿאָלק קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש – לאנג איילענד – P4P $399,435 אפעראציע גרענט:** די קאלעדזש וועט אויפשטעלן א נייע CNC מאשינעריי טרענירונג פראגראם און באגלייטנדע CNC Swiss מאשינעריי פראגראם צו ערפילן די פארלאנג פון לאנג איילענד'ס טויזנטע קליינע מעניופעקטשורערס וועלכע ווייזן אן אויף די מאנגל אין קוואליפיצירטע קאנדידאטן אלס א באדייטנדע שוועריגקייט. אין צוגאב צו טעכנישע טרענירונג וועט דער פראגראם גיבן פאר היי סקול סטודענטן און ערוואקסענע וואס האבן בכלל נישט אדער נישט גענוג ארבעט קאריערע קאָוטשינג, סקאלערשיפּס, אינדוסטריע נעטווארקינג געשעענישן און הילף מיטן טרעפן א דזשאב מיט שותפים אין די אינדוסטריע איינמאל זיי פארענדיגן דעם פראגראם.

**Assembly House 150 – מערב ניו יארק – P4P $242,893 אפעראציע גרענט:** די געלטער וועלן צוגרייטן די באטייליגטע סטודענטן פאר קאנסטרוקציע קאריערעס מיט פראקטישע לעקציעס דורך עקספערטן אין די אינדוסטריע, באזוכן צו קאנסטרוקציע ערטער, דזשאב גרייטקייט טרענירונג און סערוויסעס צו העלפן טרעפן דזשאבס דורך דעם עקזיסטירנדן SACRA פראגראם, און די געלט וועט אויך גיין צו אנטוויקלען און אויספרובירן א טרענירונג פראגראם פאר סטודענטן וואס האבן גראדואירט פון SACRA זיך צו איינהאנדלען וויטערע ספעציאליזירטע סקילס. זיך קאנצענטרירנדיג אויף צו אויפנעמען אימיגראנטן, מענטשן וואס האבן זיך פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם, מענטשן מיט האוזינג אומסטאביליטעט אדער איינצלנע עלטערן — שטעלט דער פראגראם צו א וועג פאר די באטייליגטע סטודענטן צו ווערן זעלבסטשטענדיג בשעת'ן אדרעסירן די לאקאלע נויט פאר פעהיגע ארבייטער.

**ICD אינטערנאציאנאלע צענטער פאר אינוואלידן, ארבעטנדיג אונטער די נאמען 'אינסטיטוט פאר קאריערע אנטוויקלונג' – ניו יארק סיטי – P4P $179,685 אפעראציע גרענט:** ICD'ס געביידע פאררעכטונג טעכניקער פראגראם שטעלט צו פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס אין NYC מיט די פונדאמענטאלע בויען און אויפהאלטונג סקילס און סערטיפיקאציעס און אזוי אויך ארבעטס גרייטקייט טרענירונג און פראקטישע לערנונג געלעגנהייטן צו פארשטערקערן זייערע רעזומעיס. פינאנצירונג וועט גענוצט ווערן צו פארגרעסערן די פארנעם פון ארומיגע סערוויסעס פאר סטודענטן וואס ווערן טרענירט, אריינרעכענענדיג טראנספארטאציע הילף און געלט פאר באטייליגטע, העלפנדיג די טרענירנדע סטודענטן פארענדיגן דעם פראגראם אויף אן ערפאלגרייכן פארנעם.

**ערי 1 BOCES – מערב ניו יארק – $146,695 ארבעטסקראפט אינוועסטירונג גרענט:** די פינאנצירונג וועט שטיצן דאס איינקויפן און אינסטאלירן עקוויפּמענט צו מאדערניזירן און אויסברייטערן ערי 1 BOCES'ס CNC מעניופעקטשורינג און שמעלצונג פראגראמען, אריינרעכענענדיג א פונקציאנירנדע פראדוקציע ליניע פאר טרענירנדע סטודענטן צו אויפשטעלן, פאררעכטן און אויפהאלטן פראדוקטן. טרענירנדע סטודענטן וועלן ווערן סערטיפייד און צוגעגרייט צו אננעמען פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג דזשאבס אין דעם ראיאן.

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "דורך די גאווערנער'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, ברייטערן מיר אויס די טרענירונג וואס מיר שטעלן צו פאר דזשאבס פאר וועלכע עס איז דא א פארלאנג. היינט, דורכאויס מיינע באזוכן צו די קאמפוסן וואס האבן באקומען גרענטס, האב איך בענעפיטירט פון זיך טרעפן מיט טייל פון די מענטשן וואס גייען אריבער אונזערע טרענירונג פראגראמען – טייל פון זיי זיך צוריקקערנדיג כדי זיך צו איינהאנדלען סקילס וואס זיי דארפן צו קענען געפעדערט ווערן צו א העכערע פאסטן – און איך בין שטאלץ אז מיר קענען העלפן מער ניו יארקער צו טוהן דאס זעלבע. מיינע וואונטשן גייען פאר די SUNY מאנשאפטן ביי די Northland ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער, ביי די אלפרעד סטעיט קאלעדזש, לאנג איילענד Educational Opportunity Center, ראקלענד קאמיוניטי קאלעדזש און סופֿאָלק קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו אינוועסטירן אין ניו יארק'ס ארבעטסקראפט. אלס פארזיצער פון די אסעמבלי'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג קאמיטע (Committe on Economic Development), גלויב איך אז אונזערע עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוון מוזן אריינרעכענען א באגלייטנדע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג עלעמענט. די OSWD'ס פערטע-רונדע גרענט פינאנצירונג וועט גיין צו טרענירן טויזנטע ארבייטער אריבער די סטעיט, ערמעגליכנדיג זיי צו אנטוויקלען סטאבילע, באלוינענדע קאריערעס אין נייע אינדוסטריעס, ברענגנדיג לאנג-טערמיניגע הצלחות פאר ניו יארק'ס עקאנאמיע."

**אסעמבלי מיטגלידערין לעטאָיע דזשאָינער האט געזאגט,** "דער ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אינוועסטירונג פראגראם און דער P4P גרענט פראגראם זענען מאכטפולע כלים וועלכע העלפן מאכן אונזער סטעיט'ס ארבעטסקראפט פאר די בעסטע אין דאס לאנד. פינאנצירונג פון די לעצטע רונדע פון גרענטס וועלן גיין איבעראל אריבער די סטעיט צו פארשטערקערן די פלוס פון ארבייטער צו דזשאבס אין וויכטיגע אינדוסטריעס און אין אזעלכע וואס פארלאנגען ספעציאליזירטע סקילס. איך בין באזונדערס דערפריידט מיט די 3 מיליאן דאלאר פון די געלט וואס וועלן גיין דירעקט צו אונזערע SUNY סקולס, פארבינדנדיג יונגע ניו יארקער מיט דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט אין מעניופעקטשורינג, קאנסטרוקציע און אגריקולטור. איבער 2 מיליאן דאלאר וועלן אויך גיין פאר די Northland ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער וואס העלפט צוגרייטן ארבייטער פאר אונזער אריבערגאנג צו א צוקונפט פון נידעריגע קארבאן באנוץ. עס איז געוואלדיג צו זעהן די גאווערנער פארזעצנדיג צו שטעלן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אלס פריאריטעט."

**אסעמבלי מיטגליד על סטירפ האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנאנס היינט ווייזט ארויס א דורכגעטראכטע און געציהלטע צוגאנג צו סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אין ניו יארק. די פופצן פראיעקטן אריבער די סטעיט זענען קאנצענטרירט אויף ארבעטסקראפט פראגראמען וועלכע שטיצן אונזער נאציאנאלע זיכערהייט, טרייבן פאראויס אונזער סטעיט'ס קלימאט ציהלן און באנעמען זיך מיט די קריטישע נויט פאר ארבייטער אין קאנסטרוקציע און מעניופעקטשורינג. אנערקענענדיג אז זיך באטייליגן אין די פראגראמען איז נישט אייביג גרינג, אדרעסירן טייל פון די פינאנצירטע פראגראמען דירעקטערהייט די שוועריגקייטן פון סטודענטן צו מצליח זיין, אריינרעכענענדיג מיטן מאכן פארבינדונגען צו סערוויסעס ווי טראנספארטאציע הילף, הדרכה און אפילו א רוקעוודיגע טרענירונג פלאץ צו גיבן מער צוטריט אין קאמיוניטיס וואס האבן וויניגער סערוויסעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן